# פרשת וירא

## בס"ד. משיחת י"ב תמוז תשמ"ג

הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט "לתקן עולם במלכות ש-ד-י" – אויף אראפּברייינגען די הכרה אין די אנערקענונג פון יעדערן וואס געפינט זיך אין דער וועלט, אַז די וועלט איז ניט קיין "ג'אנגעל" וואס "כל דאָלים גבר" – אַז וויבאלד אַז ער האט שטארקער בגוף, אָדער שטארקער בממון, אָדער שטארקערע ידיעות, אָדער שטארקערע מיט מיליטער – דערפאר קען ער טאן כל מה שלבו חפץ – דערפאר וואס ער האט אין זיך דעם כח אויף דורכפירן ווי ביי אים קומט אויס, דארף ער זיך ניט רעכענען מיט אַלערליי מחשבות און חשבונות אפלו, וויבאלד אַז דאס איז הפך רצונו.

וואס לכאורה וואס איז אויף דערויף דער ענטפער אַז ער האט די מאכט, און דאס איז זיין ווילן, איז פארוואס זאל ער ניט טאן ווי ביי אים קומט אויס ברצונו?

איז דאך דער ענטפער אויף דערויף איז – אַז וואס פאר אַ מאכט ער זאל ניט האבן איז "יש בעל-הבית לבירה זו" – אַז ס'איז דא דער אמת'ער בעל-הבית פון דער גאנצע וועלט – "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ",

וואס ער איז דער בעל-הבית פון דער גאנצער וועלט – איז דאך אַ זיכערע זאך אַז סוף-כל-סוף וועט אויספירן דער אמת'ער בעל-הבית, ניט אָט-דער וואס ער האט מערער מאכט אָדער מערער געלט וכולהו – לגבי די מענטשן וואס געפינען זיך אַרום אים.

וואס דאס איז די איינציקע זאך, און דער איינציקער וועג, ווי אַזוי מ'קען אַ מענטשן אַרויסהעלפן, אָדער אַרויסהעלפן אַ "חברה" – אַ גרופּע פון מענטשן, אָדער אַרויסהעלפן אַ גאר אַ קהל גדול, אַז זיי זאלן זיך ניט אונטערגעבן צו דעם רצון וואס איז ביי זיי דא – אַז זיי זאלן אויספירן ווי ביי זיי קומט אויס, ניט רעכענען-זיך'דיק דערמיט וואס עס טוט זיך אַרום זיי און וואס איז דער רצון פון די מענטשן אַרום זיי,

איז די איינציקע וועג אויף באמת דאס צו באזייטיקן דער הנהגה איז: דורך דערויף וואס מ'פלאנצט איין, אַז ס'איז דא אַ בעל-הבית לבירה זו, און דאס וואס ער רעדט זיך איין אַז "יסתר איש במסתרים" – אַז ער וועט זיך באהאלטן, און מ'וועט ניט וויסן ווי ער פירט זיך, על-אחת-כמה-וכמה אַז מ'וועט ניט וויסן אין די הימלען – וואס דארטן געפינט זיך דער בעל-הבית, זאגט מען אים אַז דאס איז כפירה אין אמת!

דאס איז ניט נאר כפירה אין דת ישראל אָדער אין אַן אַנדער דת, דאס איז כפירה אין אמתית המציאות. די אמתית המציאות איז ניט פארבונדן מיט קיין דת, אמתית המציאות איז אַז "מאמתית המצאו



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וירא

נמצאו כל הנמצאים״, ו״אמת הוי׳ לעולם״!

אַז דער אויבערשטער איז אַ בעל-הבית וואס ער איז ״ממציא כל הנמצאים״ — אַלע זאכן וואס געפינען זיך אין וועלט. און דער וואס זאגט אַז דאס איז ניט אַזוי, איז ניט נאר אַז ער איז ניט קיין ״דתי״ — ער איז ניט קיין פרומער אָדער ניט קיין רעליגעזער מענטש וכולהו — ער נארט זיך אַליין אָפּ, ווארום ער זעט ניט וואס די וועלט איז באמתית, לאמתתו ובתקפו.

וכאָמור דערצו קומט צוגיין נאך דער יצר-הרע און זאגט ער וועט דאס טאן באהאלטענערהייט ״במסתרים״, זאגט דער אויבערשטער אַז ״ויסתר איש במסתרים ואָנוכי לא אראנו״ — אַז ס׳איז דא אַן ״עין רואָה ואוזן שומעת״.

בשעת מ׳הויבט אָן דערציילן וועגן דעם, נאך דערויף ווי ער האט שוין אָפּגעלעבט אַ משך יארן, און האט זיך נאכגעגעבן, און געפירט זיך ווי ביי אים קומט אויס ניט רעכענען-זיך׳דיק מיט אַנדערע חשבונות און מיט אַנדערע מענטשן, און די טענה וואס איז געוועזן אַז ״פּאליס״ וועט אים כאפּן, האלט ער אַז ער איז אַזא מין קלוגער, און אַזא מין ״סמארט באי״, אַז ער וועט אויסמאַטערען אויך די ״פּאליס״, ער וועט זיך פון זיי אויך אויסבאהאלטן, אָדער זיי אָפּנארן — ובמכל-שכן וקל-וחומר: מה-דאך אַז ער נארט אויס רחמנא-לצלן דעם אויבערשטן, איז דאך אַ זיכערע זאך אַז ער קען אויסנארן אַ בשר ודם, אפילו ווען דאס איז אַ ״פּאליס מען״ אָדער אַ ״דיטעקטיוו״ און אַ גוטער וכולהו וכולהו.

בשעת ביי אים ווערט אַ הרגל, אַ געוואוינהייט, אַז ער זאל זיך נאכגעבן במשך פון כמה וכמה יארן, דערנאך ווערט דאס ביי אים אַ ״הרגל נעשה טבע״ — ווערט דאס ביי אים דער טבע זיינע אַזוי, וואס אָט דעמאלט איבערמאכן אים, ער זאל זיך אָנהייבן רעכענען מיט אַ צווייטן, איז דאס איינע פון די שווערסטע זאכן, און ברובא דרובא איז מען נאך ניט מצליח — על כל פנים ניט מצליח בשלמות.

וואס דערפאר איז ניטא קיין אַנדער וועג, אויב מ׳וויל מ׳זאל זיך אויפפירן, ״כי יזקין״, ווען מ׳ווערט שוין אַלט און מ׳ווערט שוין אַ מבוגר — ״מאטיור״ — וואס זאל זיך אויספירן ווי ס׳דארף צו זיין, דארף זיין ״חנוך לנער״ — דארף מען האדעווען אים אַלס אַ קינד אין דעם וועג; פון קינדווייז אויף, דארף ער וויסן אַז ״יש בעל-הבית לבירה זו״ — ער דארף וויסן אַז ס׳איז דא אַן ״עין רואָה ואוזן שומעת״ — וואס דאס מיינט מען אים אַזוי פערזענליך, ניט ער איז אַן ״עין רואָה ואוזן שומעת״ אויף די גאנצע וועלט, אָדער אויף אַ גאנצע אומה, אָדער אויף אַ גאנצן חוג — דעם אויבערשטן שטייט-אָן אויף אָפּגעבן זיך בהשגחה פּרטית מיט יעדער אַיינצעלנעם מענטשן, און ניט נאר מיט די כללות׳דיקע זאכן פון דעם מענטשן — מיט די גאר



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

## פרשת וירא

וויכסטיקטע זאכן פון דעם מענטשן – נאר מיט יעדער מחשבה ודבור ומעשׂה פון דעם מענטשן, איז דא דער "עין רואָה ואוזן שומעת".

וואס דאס איז דאך זעלבסטפארשטענדליך, אַז לגבי אַ מענטשן איז אַ חלוק צי ער זאגט דאס בדבור, אָדער ס'מער ניט ס'בלייבט ביי אים במחשבה, בשעת עס רעדט זיך וועגן דעם אויבערשטן, איז קיין אונטערשייד ניט – צי ער האלט דאס במחשבתו אָדער ער זאגט דאס בדבורו, איז "לפניו נגלו כל תעלומות"!

וואס דאס איז אויך כאָמור – אַז אויב מ'וויל אויפהאדעוועז מענטשן אַז זיי זאלן זיך אויפפירן ווי מענטשן דארפן זיך אויפפירן, ניט ווי חיות פירן זיך אויף אין אַ "ג'אנגעל", איז דערצו איז דא מערניט ווי איין און איינציקע וועג – ועל-אַחת-כמה-וכמה אַז דאס איז די לייכסטיקסטע וועג – אַז "חנוך לנער", אַז פון קינדווייז אויף זאל ער וויסן זיין: אַז אמת טאקע ער האט אַ גוף און אַ נשמה, און ער האט אַ רצון, און האט אַ תענוג פון אַכילה ושתי' און שפילען זיך און לערנען וכולהו, און האט אַ פאטער און מוטער, און האט אַ "פאליס מען" אויף'ן גאס, זאל ער וויסן זיין אַז ס'איז דא – נוסף על כל זה, און ניט נאר נוסף נאר דאס איז דער עקר – ס'איז דא דער "עין רואָה ואוזן שומעת" פון בורא עולם ומנהיגו – פון דעם אויבערשטן!



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.